# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת צו תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 477



בני אמונים – מתחזקים בעניית אמן

ת.ד 102 בני ברק

פקס: 03-5055919

9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### אלע מצוות זענען פארבינדן צוזאמען

**"צַו אֶת אַהֲרֹן וְאֶת בָּנָיו לֵאמֹר זֹאת תּוֹרַת הָעֹלָה הִוא הָעֹלָה עַל מוֹקְדָה עַל הַמִּזְבֵּחַ כָּל הַלַּיְלָה עַד הַבֹּקֶר וְאֵשׁ הַמִּזְבֵּחַ תּוּקַד בּוֹ"** (ו ב)

עס איז באקאנט די פראגע: פארוואס האבן די אנשי כנסת הגדולה מתקן געווען זאגן ביי די ברכת המצוות: "אשר קדשנו **במצוותיו**" - מיט א לשון רבים, דער מענטש זאגט דאך די ברכה נאר אויף די איין מצוה וואס ער גייט יעצט מקיים זיין? ענטפערט **רבי מרדכי הכהן פון צפת**: די גאנצע תורה איז איינס און אלע מצוות זענען פארבינדן איינס אין די אנדערע, דערפאר "ביי יעדע מצוה און מצוה וואס דער מענטש טוהט איז עס ווי ער וואלט געטוהן אלע מצוות" (ראה זוהר רכח ב), וועגן דעם האט מען מתקן געווען דערמאנען אלע מצוות ביי די ברכה וואס מען זאגט בעפאר מ'איז מקיים יעדע מצוה.

**רבי שמואל** כ"ץ א אייניקל פון סמ"ע ברענגט אויף דעם א רמז פון דער פסוק "צַו אֶת אַהֲרֹן וְאֶת בָּנָיו לֵאמֹר - זֹאת תּוֹרַת..."; ביי יעדע מצוה פון די תורה וואס דער מענטש וועט מקיים זיין וועט עס אים גערעכנט ווערן ווי ער וואלט מקיים געווען כל התורה כולה, ווייל יעדע מצוה פון די תרי"ג מצוות איז נישט עקסטער פאר זיך, נאר אלע מצוות פון די תורה זענען אין דעם אריינגערעכנט.

'שפתי כהן' בא; 'דרוש שמואל' [ויניציאה תנ"ד]

### 'לעסוק' אין תורת חטאת

**"זֹאת תּוֹרַת הַחַטָּאת בִּמְקוֹם אֲשֶׁר תִּשָּׁחֵט הָעֹלָה תִּשָּׁחֵט הַחַטָּאת לִפְנֵי ה' קֹדֶשׁ קָדָשִׁים הִוא"** (ו יח)

פון דער פסוק "זֹאת תּוֹרַת הַחַטָּאת" דרש'ענען די חכמים (מנחות קי א) "כל העוסק בתורת חטאת כאילו הקריב חטאת". דער **של"ה הקדוש** דרינגט זיך אויף פון דעם וואס עס שטייט "כל העוסק", און נישט 'כל ההוגה', אז כדי די 'תורת חטאת' זאל גערעכנט ווערן אנשטאט א קרבן, איז נישט גענוג מיט זאגן אליין, נאר מען דארף אין דעם 'עוסק' זיין, ד. ה. לערנען מיט כוונה און מיט פארשטאנד.

די תלמידים פון דער צאנזער רבי **בעל 'שפע חיים'** שילדערן טאקע די וועג וויאזוי זייער רבי האט געזאגט די קרבנות ביי תפילת שחרית: "ער פלעגט זאגן די סדר הקרבנות זייער געלאסן, נישט סתם געזאגט נאר ווי ממש געלערנט. דאס זאגן האט אויסגעזען ווי א שיעור אין הלכות מקדש וקדשיו, ווי ער האט געטייטש יעדן פסוק און גוט ערקלערט א לאנגע צייט. א געוויסע תקופה איז ער אפילו אריינגעקומען צום דאווענען מיט א משניות אין דער האנט, אין וועלכער ער האט געלערנט דעם פרק 'איזהו מקומן'".

'של"ה' מסכת תענית נר מצוה אות לג; 'הליכות חיים' סדר היום עמ' קסח-קסט

### שמחת חתן וכלה

**"אִם עַל תּוֹדָה יַקְרִיבֶנּוּ וְהִקְרִיב עַל זֶבַח הַתּוֹדָה חַלּוֹת מַצּוֹת בְּלוּלֹת בַּשֶּׁמֶן וּרְקִיקֵי מַצּוֹת מְשֻׁחִים בַּשָּׁמֶן וְסֹלֶת מֻרְבֶּכֶת חַלֹּת בְּלוּלֹת בַּשָּׁמֶן"** (ז יב)

א קרבן תודה ברענגט דער וואס איז געראטעוועט געווארן פון א געפאר, כדי צו לויבן דעם אויבערשטן אויף זיין רעטענונג. רש"י (ע"פ ברכות נד ב) רעכנט אויס פיר וואס זענען מחויב צו דאנקען: די 'יורדי הים' ווען זיי קומען אן צו די יבשה, 'הולכי מדבריות' ווען זיי דערגרייכן א ישוב, א 'חולה' וואס איז אויסגעהיילט געווארן, און איינער וואס איז באפרייט געווארן פון ארעסט הויז. דער מקור פון דער דין איז אין תהילים (פרק קז) וואו דארט ווערט דערמאנט די פיר פעלער, און אויף זיי איז געזאגט געווארן (שם כב) "וְיִזְבְּחוּ זִבְחֵי תוֹדָה" (וראה עוד רש"י מנחות [כת"י] עט ב ד"ה לאחר).

**רבינו בחיי** (ויקרא ו ב) דרש'נט פון דער פסוק אין ירמיה (לג א): "קוֹל שָׂשׂוֹן וְקוֹל שִׂמְחָה קוֹל חָתָן וְקוֹל כַּלָּה קוֹל אֹמְרִים הוֹדוּ אֶת ה' צְבָאוֹת כִּי טוֹב ה' כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ מְבִאִים תּוֹדָה בֵּית ה'", אז אויך ביי א שמחת חתן וכלה האט מען געברענגט א קרבן תודה.

דער **'אמרי אמת'** ערקלערט די ווערטער לויט וואס דער 'חידושי הרי"מ' האט געזאגט אז ביי יעדע ערליכע אידישע חתונה, נעמט מען ארויס א נשמה פון א רשע פון גיהנום, און דאס איז די כוונה פון דער פסוק (תהלים סח ז): "אֱלֹקִים מוֹשִׁיב יְחִידִים בַּיְתָה מוֹצִיא אֲסִירִים בַּכּוֹשָׁרוֹת" - ווען מען בויעט אויף א אידישע הויז, נעמט מען ארויס א נשמה וואס איז איינגעשפארט אין גיהנום. און דער 'אמרי אמת' לייגט צו אז דאס איז אויך מרומז אין די ברייתא (כתובות יז א): "מעבירין את המת מלפני כלה". לויט דעם קען מען ערקלערן, אזוי ווי איינער וואס איז באפרייט געווארן פון ארעסט הויז ברענגט א קרבן תודה, אזוי דארף מען אויך ברענגען א קרבן תודה אויף שמחת חתן וכלה, וואס צוליב דעם ווערט באפרייט א נשמה פון גיהנום.

'אמרי אמת' ליקוטים דף צט ע"ב

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### ושאינו יודע לשאול - בעהטן - את פתח לו

אין דעם שבת, 'שבת הגדול', וועלן מיר ליינען אין די הגדה אויף די ארבעה בנים וואס ברענגען ארויס פיר ערליי באציאונגען צו די מצוות פון די סדר-נאכט, ווען דער לעצטער פון זיי איז דער "שאינו יודע לשאול". אין די צייט וואס פאר די ערשטע דריי קינדער ווערט געגעבן א ענטפער לויט זייער פראגע, ביי דעם לעצטן באפעלט אונז דער בעל ההגדה: "את פתח לו!".

ביים זאגן דעם שטיקל דערמאן איך זיך שטענדיג, אז אויך אין די באציאונג צו ענטפערן אמן און זאגן ברכות השחר מיט א חברותא זענען דא עטליכע סארט מענטשן... צווישן זיי דער 'שאינו יודע לשאול' [-בעהטן]. עס זענען פארהאן מענטשן וואס זיך ווענדן צו אנדערע פאר הילף, ספעציעל צו א פרעמדער, איז א קאמפלעצירטע און שווערע זאך. זיי ווילן בעטן פון אונז מיר זאלן ענטפערן 'אמן' נאך זיי, אבער עס קומט זיי אן שווער.

ביי אזא פאל זענען מיר באפוילן געווארן: "את פתח לו"; מיר זאלן צוגיין צו זיי און זיך אינטערעסירן איידלערהייט: "האסט שוין געזאגט ברכות? דו ווילסט איך זאל ענטפערן נאך דיר 'אמן'?". אין אזעלעכע פעלער קענען מיר דורך א קליינע אינוועסטמענט אויפשטעלן א 'געביידע פון אמן' אז ער און זיין גאנצע פאמיליע וועלן שטענדיג פארזעצן די הנהגה פון ענטפערן 'אמן', אין אונזער זכות!

די ווערטער 'את פתח לו' האבן א קשר צו דעם אויבנדערמאנטן ענין אויך אין זיין פשוט'ן באדייט: "את פתח לו די שערי גן עדן!", אויב דו האסט מזכה געווען דיין חבר מיט דעם וואס דו האסט אים אנגעשלאסן אין די קייט פון די וואס ענטפערן אמן, האסטו געעפענט פאר אים די שערי גן עדן, אזוי ווי די חכמים זאגן (שבת קיט ב): "כל העונה אמן בכל כוחו פותחים לו שערי גן עדן".

און דא איז דער פלאץ זיך צו ווענדן צו דעם 'שאינו יודע לשאול' און אים דערמאנען, אז נישט אומזינסט הייבט אן דער 'בית יוסף' זיין גרויסן חיבור 'שולחן ערוך' מיט די ווערטער: "יתגבר כארי לעמוד בבוקר לעבודת בוראו... ולא יתבייש מפני בני אדם המלעיגים עליו בעבודת השי"ת", ווייל עס פעלט אויס א באזונדערע גבורה צו אויפשטיין אינדערפריה, און אין דעם איז אריינגערעכנט צו זאגן ברכות השחר מיט א חברותא. איך וועל צולייגן און דערמאנען אז דער געדאנק איז מרומז אין דער פסוק (שה"ש ב ח): "ממעונות אריות מהררי נמרים"; "אריות מהררי נמרים" - איז ראשי תיבות 'אמן'.

חודש ניסן, איז א צייט וואס איז מסוגל צו שעפן א פולע האפן פון די קוועלער פון אמן און אמונה, מיר וועלן זיך אונטערנעמען צו זיין צווישן די טוהן אויף אין דעם געביט פון ענטפערן אמן, און מיר זענען פארזיכערט אז פון הימל וועט מען אונז העלפן. ווי די חכמים האבן צוגעזאגט: "הבא ליטהר פותחים לו".

**מיט א רוף "את פתח לו"**

**א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין

# די ישועה איז אנגקומען ווען עס איז געווען פינסטער איינגאנצן

איינער פון די גרעסטע תלמידים פונעם אלטן פון נאבהארדאק איז געווען דער גאון רבי דוד בליאכער הי"ד. נאך זיין רבי'נס פטירה האט ער אין שטאט מעזריטש געגרינדעט א ישיבה מיטן נאמען 'בית יוסף' נאך זיין גרויסן רבי'ן, און האט פארגעזעצט דעם באזונדערן נאבהארדאקער וועג אין מוסר.

כאטש פון אנהויב פון איר גרינדונג און אזוי אויך דורכאויס איר עקזיסטענץ איז די ישיבה געווען אין ערנסטע פינאנציעלע שוועריגקייטן, האט דאס נישט אפגעהאלטן די הונדערטער בחורים פון גאנץ פוילן צו קומען לערנען אין די ישיבה. שפעטער האט רבי דוד מיט די הילף פון זיינע תלמידים אויפגעשטעלט א נעץ פון ישיבות אויף די נאבהארדאק'ער גייסט, וואס האבן ארויסגעגעבן סטאדעס תלמידי חכמים און בעלי מוסר.

ווען מעזריטש איז איינגענומען געווארן דורך די נאצי'ס, גלייך נאך די אויסברוך פונעם צווייטן וועלט'ס קריג, איז ער אנטלאפן מיט זיינע תלמידים קיין בריסק וואס איז נאך געווען אונטער די רוסן. אבער צוליב די רדיפות פון די קאמוניסטן, האט ער באשלאסן זיך צוריקקערן קיין מעזריטש ווען פאר זיינע אויגן איז געשטאנען דער מאמר חז"ל (במ"ר כא ד): "גדול המחטיאו יותר מההורגו". אין מעזריטש האט ער ווייטער געלערנט מיט זיינע תלמידים אין באהעלטעניש, ווען ער פרובירט פארשידענע עצות און וועגן צו ראטעווען זייער לעבן. אין יאר תש"ד איז רבי דוד מיט זיין משפחה און זיינע תלמידים אומגעקומען אויף קידוש ה', און די ישיבה איז ליידער חרוב געווארן.



הגאון רבי דוד בליאכער הי"ד



א בריוו מיט די אונטערשריפט פון הגאון רבי דוד בליאכער

די פאלגנדע געשיכטע איז פארגעקומען אין די יארן פאר דער מלחמה. אין די טעג פון 'בין הזמנים' פאר יו"ט פסח, פלעגן די עלטערע בחורים פון דער ישיבה גיין אין די שטעט ארום מעזריטש צו דינען דעם אייבערשטן מיט 'התבודדות' ווי זייער שטייגער איז געווען. רבי דוד האט אויך געדארפט פארן זיך באטייליגן אין דער יערליכער פארזאמלונג פון די רבני הישיבה וואס פלעגט פארקומען אין די טעג.

איינער פון די עלטערע בחורים איז געבעטן געווארן צו בלייבן אין ישיבה און דינען אלס אויפזעער אויף די יונגערע בחורים וואס זענען געבליבן אין ישיבה. אויסער דעם האט רבי דוד אים געבעטן ער זאל נאכקוקן אז די פארוואלטער זאלן צוגרייטן אלע פסח-באדערפענישן פאר די פאמיליע'ס פון די רבני הישיבה, ווען יעדע פון זיי וועט האבן צו גאסט צענדליגער בחורים אויף זייער טיש ביי די סדר-נאכט.

אבער, די פינאנציעלע לאגע אין ישיבה וואס איז קיינמאל נישט געווען גוט, האט זיך זייער פארערגערט דווקא אין דער צייט. פונקט אין דעם חודש זענען די הוצאות געווען אסאך גרעסער ווי א גאנץ יאר, אלע פינאנציעלע קוועלער האבן זיך 'פארטרוקנט' און די ישיבה-קאסע איז געווען ליידיג.

רבי דוד, מיט זיין שטארקע בטחון וואס איז געווען איינגעווארצלט אין זיין הארץ און נשמה און לויט איר שיין האט ער געפירט זיין ישיבה, האט באפוילן זיין תלמיד צו נעמען א גרויסע הלוואה אויף די באדערפענישן פון די ישיבה, ווען זיין פלאן איז געווען זיך ווענדן אין די קומענדיגע טעג צו דער 'אבי הישיבות', הגאון רבי חיים עוזר גראדזינסקי זצ"ל, און בעטן שטיצע צו קענען באצאלן די חובות פון די ישיבה.

אסאך פלאג און מי האט אויסגעפעלט אז דער תלמיד זאל קענען ערפילן זיין רבי'נס בקשה. ער האט זיך געפלאגט צו זאמלען הלוואות, און זיך אונטערגענומען באלד צו באצאלן. ווען דאס געלט איז געווען אין זיין האנט, איז ער ארומגעלאפן און געזארגט פאר וויין און מצה שמורה און נאך אנדערע יום טוב'דיגע פראדוקטן פאר אלע בחורים פון ישיבה.

אבער צו די גרויסע איבערראשונג, איז רבי דוד צוריק געקומען אין ישיבה עטליכע טעג פאר פסח מיט ליידיגע הענט.

אין א אפגעהיטענע, ריינע און פארשפארטע צימער, איז שוין געשטאנען א פאס ראזשינקע וויין, צוזאמען מיט עטליכע שאכטלעך מצות-שמורה, פאר וועלכע מען האט באצאלט מיט די הלוואות וואס דער תלמיד האט גענומען לויט די באפעל פון זיין רבי'ן, און האבן געווארט מען זאל זיי באצאלן.

אויסער דעם, איז פאר יענעם תלמיד געבוירן געווארן א יונגעלע למזל טוב. די ברית מילה האט געדארפט פארקומען אינמיטן חול המועד, און ער האט נישט געהאט קיין פיאסטער צו קענען באצאלן די הוצאות פון די ברית.

די לאגע איז געווען זייער שווער. די משפחות פון די רבני הישיבה האבן זיך אפגעהאלטן פון צו קויפן די אנדערע נויטיגע יום טוב'דיגע באדערפענישן, ווייל זיי האבן זיך פארלאזט אויף די געלט וואס ר' דוד וועט ברענגען מיט זיך פון ווילנא. די וואס האבן פארבארגט דאס געלט האבן אנגעהויבן קומען פאדערן די חובות, און די רעביצין די 'מאמע פון די ישיבה' האט אויסגעבראכן אין א ביטערן געוויין, פון גרויס צער און ענגשאפט.

אלע זענען געווען באזארגט צוליב דעם ביטערן סיטואציע, אויסער איינער.

רבי דוד, דער בעל הבטחון, וואס האט געטראגן די גאנצע עול אויף זיינע פלייצעס, האט זיך גארנישט געזארגט. אדרבה, אויף א ווערטל האט ער זיך אנגערופן פאר זיינע קרובים, אז ווי עס זעהט אויס וועט מען באלד קומען פארלאנגען פון אים דעם גרויסן חוב אויף די שכירות פון דעם בנין-הישיבה וואס איז נישט געצאלט געווארן פאר איבער א יאר.

גלייכצייטיג האט נאך עפעס פאסירט וואס האט אלעמען אריינגעברענגט אין א גענצליכן פארצווייפלונג. די פאס וויין וואס איז געווען צוגעגרייט אויף יום טוב איז צובראכן געווארן און דער גאנצער וויין האט זיך אויסגעגאסן אויף די מצות-שמורה וואס זענען געבאקן געווארן מיט גרויס הארעוואניע. און אויב דאס איז נישט געווען גענוג, איז דאן רבי דוד'ס 'נבואה' מקוים געווארן, ווען פונקט אין יענע צייט האט מען איינגעגעבן א קלאגע קעגן אים אויף די סומע פון די שכירות וואס איז נישט באצאלט געווארן העכער א יאר. רבי דוד איז געפאדערט געווארן גלייך צו באצאלן די רענט, אדער שוין פארלאזן די געביידע.

די תלמידים זענען געשטאנען אין זייט, מיטגעפיהלט די צער פון דעם רבי'נס פאמיליע. זייער צער איז געווען אומדערטרעגליך שווער, אבער ווי איבערראשט זענען זיי געווען צו זען זייער רבי'ן, דווקא אין דער שווערער צייט, ווי ער הייבט אן א געזאנג און האט אויך גערופן די וואס זענען געשטאנען נעבן אים, זיי זאלן נעמען א טייל אין די טענץ.

"אודך כי עניתני ותהי לי לישועה! אודך כי עניתני ותהי לי לישועה!" איז רבי דוד געטאנצן מיט זיינע תלמידים, ווען ער ערקלערט זיי די ווערטער פונעם פסוק: "די ישועה קומט שטענדיג לויט די מאס פון די יסורים. אויב יעצט זענען אונזערע יסורים פיל געווארן, און מער האבן מיר שוין נישט קיין כח, פון יעצט און ווייטער וועט מוזן זיין א גרויסע ישועה!"

און דער נס האט נישט פארשפעטיגט צוקומען.

עטליכע טעג פריער האט רבי דוד געקויפט א בילעט פון די לאטערי' פון דער געגנט, ווי ער פלעגט טון פון צייט צו צייט לויט די עצה פון זיין גרויסן רבי'ן דעם אלטער פון נאבהארדאק. דער 'אלטער' האט געהאלטן אז דאס איז נישט קיין סתירה צו די חיוב פון בטחון, און עס איז נישט קיין איבעריגע השתדלות, און רבי דוד, וואס די מדת הבטחון איז געווען איז געווען איינגעקריצט אין די טיפענישן פון זיין נשמה, האט אזוי געטון, און האט אויך געוואונען די לאטערי'עס איינמאל נאכן צווייטן.

אויך אויפצומארגנ'ס פון יענעם מעמד פון טאנצן און דאווענען, האט מען אינפארמירט רבי דוד'ן אז דער לאטעריע טיקעט וואס ער האט געקויפט האט געוואונען די גרויסע סומע. די ריזיגע סומע געלט וואס ער האט באקומען איז געווען גענוג צו קענען קויפן אלע באדערפענישן פון פסח מיט הרחבת הדעת, פאר זיין שטוב און פאר אלע משפחות פון די רבני הישיבה, באצאלן די שכירות, און עס איז נאך געבליבן א מכובד'יגע סומע צו באצאלן די הוצאות פון די ברית, און אויך באצאלן די אלע חובות וואס ער האט ביז יעצט אנגעזאמלט. ויהי לפלא.

קונטרס 'חסדי דוד'
[נד' בסוף ספר 'דברי בינה ומוסר'] עמ' 74

# דרך אמונים

הלכות פון ענטפערן אמן

## דין 'אמן יתומה'

### ענטפערן אמן נאך 'ואמרו אמן'

די קדיש איז אזוי אויסגעשטעלט אז מען דארף ענטפערן אמן באלד ביי די ענדע פון יעדע טייל פון די קדיש. ביי די חלקים פון קדיש וואס ענדיגן זיך מיט זאגן "ואמרו אמן" דארף מעןווארטן און ענטפערן אמן נאר נאכן זאגן די ווערטער, און כאטש זיי זענען נישט א טייל פון די בקשות פון קדיש נאר א באפעל פארן ציבור זאלן ענטפערן אמן. אבער אויב דער ש"ץ איז זייער מאריך מיט זינגען די ווערטער "ואמרו אמן", זאל מען נישט ווארטן ביז ער וועט ענדיגן זאגן די ווערטער, נאר מען דארף ענטפערן באלד אמן.

מקורות וביאורים:

דער 'פרי מגדים' (או"ח קכד א"א יד) שרייבט אז מען דארף ווארטן און נישט ענטפערן אמן ביז דער ש"ץ וועט ענדיגן זאגן 'ואמרו אמן', כאטש די ווערטער זענען נישט א טייל פון די בקשה וואס אויף דעם גייט ארויף די אמן. און אזוי פסק'נט דער 'משנה ברורה' (נו ב) און לייגט צו אז צוליב דעם דארף דער ש"ץ זאגן די ווערטער "ואמרו אמן" נאנט צו די בקשה. כדי עס זאל נישט זיין א הפסק צווישן די אמן וואס דער ציבור ענטפערט און די עצם בקשה.

דער 'מגן אברהם' (קכד יד) ברענגט אין נאמען פון 'יש נוחלין', אז ווען דער חזן איז מאריך ביי די ניגון פון די ווערטער 'ואמרו אמן', דארף מען נישט ווארטן צו ענטפערן אמן ביז נאכן זיי זאגן "ווייל דער ניגון איז א הפסק", און אזוי פסק'נט דער 'פרי מגדים' (שם א"א יד). אבער דער 'מגן אברהם' קריגט אויף דעם און האלט אז נאר ווען דער חזן "ציט לאנג" ביי די ווערטער דעמאלטס איז עס א הפסק, און אזוי פסק'נט דער משנה ברורה (שם לה): "אויב דער שליח ציבור איז מאריך מיט זינגען ביי 'ואמרו אמן', זאל דער עולם באלד זאגן אמן, ווייל די ניגון איז א הפסק, **און דווקא אויב ער איז מאריך אסאך ביי די ניגון**". און דער 'כף החיים' שרייבט (שם נ) אז מען דארף אנשרייען דעם ש"ץ וואס זינגט לאנג ביי די ווערטער "ואמרו אמן", ווייל דער ציבור האט א גרייז און פארזוימט זיך פון צו ענטפערן אמן ביז די ענדע פון די ניגון.

### מחמיר זיין ביי א ספק אמן יתומה

די חכמים האבן געווארנט אויף דעם גרויסן שטראף פון דער וואס ענטפערט א 'אמן יתומה', און אזוי זאגן זיי (ברכות מז א): "כל העונה אמן יתומה - יהיו בניו יתומים", דערפאר ביי יעדע פלאץ פון א ספק 'אמן יתומה' דארף מען מחמיר זיין נישט ענטפערן אמן.

מקורות וביאורים:

אזוי שרייבן דער 'משנה ברורה' (ביאור הלכה קכד ח ד"ה ויש מחמירין) און דער 'בן איש חי' ('עוד יוסף חי' פרשת ויחי).

דער ריטב"א שרייבט (הלכות ברכות ו טו) אז די טעם פון די הארבע שטראף פון דער וואס ענטפערט א אמן יתומה איז פארבינדן אין תורת הסוד, און אזוי שרייבט ער: "מען ענטפערט נישט א אמן יתומה... און דאס איז א גרויסער זינד, און וועגן דעם זאגן זיי אז דער וואס טוהט אזוי וועלן זיינע קינדער זיין יתומים, און אזוי דארף פסק'ענען איינער וואס קען סתרי תורה".

בפשטות די כוונה פון "יהיו בניו יתומים" איז אז ער וועט שטארבן יונגערהייט און זיינע קינדער וועלן איבערבלייבן יתומים. פרעגט דער 'בן איש חי' ('בן יהוידע ברכות מז א) אויב אזוי, דער שטראף פון דער וואס ענטפערט א אמן יתומה, איז דאס זעלבע ווי דער שטראף פון דער וואס ענטפערט א 'אמן קטופה' וואס אויף אים זאגן חז"ל "יתקטפו [=עס וועט פארקורצערט ווערן] ימיו", און עס זעהט נישט אויס אז די גמרא דרוקט זיך אויס מיט א אנדערע אויסדרוק אויף די זעלבע שטראף. נאר ערקלערט ער, די כוונה פון די גמרא איז אז דער וואס ענטפערט א אמן יתומה "יהיו בניו יתומים" נאך ווען ער לעבט, צ.ב.ש. אז ער וועט נישט האבן די מעגליכקייט זיי צו שפייזן און זיי וועלן זיין פארלאזט אזוי ווי יתומים.

נאך ברענגט דער 'בן איש חי' אז ער האט געזעהן איינער וואס שרייבט אז ביי אזא פאל וואס עס איז דא א חשש פון א 'אמן יתומה' זאל ער זאגן "א-ל מלך נאמן" און אינזין האבן אז דאס איז ר"ת אמן ('עוד יוסף חי' שם).

# דועי אמונים

פון די ווערטער פון אונזערע רבי'ס אויף ענטפערן אמן

## גמילות חסדים מיטן ענטפערן אמן

רבנו אביגדור צרפתי פון די בעלי התוספות שרייבט אז עס איז גוט צו זאגן ברבים א 'מי שברך' לרפואת א קראנקן, און דורך דעם וואס דער ציבור וועט זיך צושטעלן און ענטפערן 'אמן', וועט די בקשה ווערן א 'תפילת רבים' וואס איר סגולה איז געוואלדיג ('פירושים ופסקים לרבנו אביגדור צרפתי' פסק שיט). פון זיינע ווערטער קענען מיר לערנען א מקור אויף די חוב און חשיבות פון ענטפערן אמן נאך א ברכה וואס מען וואונטשט אן א איד, אזוי ווי דער 'מגן אברהם' (רטו ג) שרייבט: "עס שטייט אין מדרש, ווען מען הערט ווי איינער דאוונט אויף אזאך, אדער ער וואונטש אן א איד, אפילו אן דערמאנען דעם שם דארף ער ענטפערן אמן, און צוליב דעם ענטפערט מען אמן נאך די הרחמן'ס ביי ברכת המזון".

אין 'ערוך השולחן' (שם א) שטייט נאך מער, ווען מען ענטפערט אמן נאך א 'מי שברך', אויסער וואס מען איז מקיים מיט דעם די מצוה פון ענטפערן אמן, איז מען מקיים מיט דעם די מצוה פון "ואהבת לרעך כמוך". אזוי ווי מיר טרעפן אין ספר חסידים (סי' תקנג) אז די מצוה "ואהבת לרעך כמוך" איז מחייב דעם מענטש צו דאווענען פאר א צווייטן: "ס'איז דא וואס דאווענען און ווערן געהאלפן, און עס זענען דא וואס דאווענען און ווערן נישט געהאלפן, די סיבה איז ווייל ער פילט נישט דער צער און די באליידיגונג פון זיין חבר, און עס קען זיין אז ער ווערט נישט גענטפערט ווייל ער האט געדארפט טראכטן, אויב וואלט איך געווען אין די צער, וואלט איך געדארפט דאווענען אויף אים, ווי עס שטייט (ויקרא יט יח): 'ואהבת לרעך כמוך'..."

און מען קען צולייגן אז נישט נאר דער וואס ענטפערט אמן נאך א 'מי שברך' איז מקיים מיט דעם די מצוה פון "ואהבת לרעך כמוך", נאר אויך דער וואס ענטפערט אמן נאך די ברכות השחר אדער אנדערע ברכות וואס זיי חבר זאגט, אויסער די געהויבענע ענין פון ענטפערן אמן, איז ער אויך מקיים די מצוה פון אהבת ישראל. אזוי ווי דער 'אור זרוע' (ח"א סי' קס) ברענגט אין נאמען פון ירושלמי, ווען רבי אבא בר זמינא האט אנגעגאסן די בעכער פאר רבי זעירא, האט אים געזאגט רבי זעירא: איך וועל זאגן די ברכה און דיך מוציא זיין מיט די ברכה און דו וועסט ענטפערן אמן און אינזין האבן מיך מוציא זיין מיט אמן. ערקלערט דער 'אור זרוע' (שם) דער טעם פארוואס דער מברך דארף יוצא זיין די חוב פון ענטפערן אמן, ווייל די 'אמן' איז א טייל פון די ברכה און עס ליגט א חוב אויפן מברך צו פארענדיגן זיין ברכה מיט ענטפערן אמן.



אדמו"ר
משבט הלוי וגאב"ד
זכרון מאיר שליט"א

קומט אויס, דער וואס ענטפערט אמן אויף די ברכה פון א חבר איז ער מיט דעם משלים זיין ברכה, און אויסער די מצוה פון ענטפערן אמן וואס איר סגולה איז זייער גרויס אן קיין גרעניץ צו עפענען די טויערן פון שפע און ברכה, און ניצול ווערן פון יעדע צרה, איז ער מיט דעם אויך מקיים די מצוה "ואהבת לרעך כמוך".

לויט דעם טראכט גוט אריין ווי גרויס איז די זכות פון דעם וואס הערט אפט ברכות השחר פון די מתפללים, אויסער וואס ער איז זוכה צו אסאך ברכות, ביי יעדע ברכה וואס ער ענטפערט אמן, איז ער מקיים די מצוה פון 'ואהבת לרעך כמוך'. און עס איז באקאנט אז עס איז דא א גרויסער ענין מקיים זיין די מצוה פארן דאווענען, אזוי ווי דער 'מגן אברהם' (ריש סי' מו) ברענגט אין נאמען פון אר"י הק': "בעפאר תפלת שחרית זאל מען זיך אוטערנעמען די מ"ע פון ואהבת לרעך כמוך".

# מאוצרות אמונים

## די מעלה פון ענטפערן אמן

### ענטפערן אמן העלפט פאר לעבעדיגע און טויטע

דער 'בית יוסף' איז געשטאנען אין שפיץ פון א גרויסע ישיבה אין צפת, וואו דארט האבן געלערנט ארום צוויי הונדערט רבנים גדולי תורה. איינמאל איז פארגעקומען א סיום מסכת אין זיין ישיבה אין די אנוועזנהייט פון דער אר"י הק'. דער אר"י האט באמערקט אז דער 'בית יוסף' האט צוגעגרייט עטליכע ערליי עסנווארג וואס האבן פארשידענע ברכות כדי מזכה זיין די באטייליגטע ביים סיום צו זאגן ברכות און ענטפערן אמן, האט ער זיך געווענדן צום 'בית יוסף' און אים געבעטן ער זאל אים ערלויבן מכבד זיין די באטייליגטע. דער 'בית יוסף' האט אנגענומען די אומגעווענליכע בקשה, ווייל ער האט פארשטאנען אז עפעס ליגט דערין, און האט נאכגעפאלגט זיין התנהגות.

ביים מכבד זיין די באטייליגטע מיט עסן און ברכות, האט דער 'בית יוסף' באמערקט אז דער אר"י האלט זיך אפ פון מכבד צוויי חשובע געסט וואס זענען געזעסן צווישן דעם עולם, די געסט זענען נישט געווען קיין באקאנטע, אבער זייערע פנימער האבן עדות געזאגט אז זיי זענען חשובע מענטשן, און פונקט זיי נישט מכבד זיין איז געווען א חידוש אין די אויגן פון 'בית יוסף'.

נאכן סעודה, ווען דער 'בית יוסף' האט געפרעגט פון דעם אר"י ער זאל ערקלערן זיין התנהגות, האט דער אר"י אים ערקלערט: די דאזיגע צוויי געסט זענען געווען נשמות וואס זענען אראפ געקומען פון עולם האמת, כדי צו משלים וואס זיי האבן פארפעלט אראפברענגען שפע אויף דער וועלט. יעצט נאכן הערן די ברכות און ענטפערן אמן, האבן זיי אראפגעברענגט א גרויסע שפע, און מיט דעם פארענדיגט זייער תיקון, און זיי האבן געקענט זיך אומקערן צו זייער ארט. דערפאר האב איך זיי נישט געלאזט זאגן א ברכה, נאר הערן די ברכות און ענטפערן אמן.

דער אר"י הק' האט פארענדיגט זיינע ווערטער און געזאגט: די זכות פון ענטפערן אמן איז אזוי גרויס, עס נוצט צו ברענגען א שפע און ברכה פאר די לעבעדיגע אויף דער וועלט, און צו מתקן די נשמות פון די טויטע אין עולם העליון ('אהבת חיים' חיי שרה).

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער לייענער

צו די רעדאקציע 'וכל מאמינים'

אין אנהייב פון מיינע ווערטער וויל איך דאנקן השי"ת, וואס האט מיר געגעבן די זכי' צו זיין פון די מזכי הרבים צו ענטפערן יעדן אינדערפרי אויף די ברכות השחר פון עטליכע פון מיינע פריינד ביי מיין מנין.

אויב איך וויל אויסרעכענען די מעלות פון דעם מנהג צו זאגן ברכות השחר מיט א חברותא, וועל איך נישט וויסן וואו אנצוהייבן און וואו צו ענדיגן, אין די בחינה פון "כמה מעלות טובות... עלינו".

קודם כל, דאס עצם זיך אוועקשטעלן עטליכע מינוט פארן אנהייב דאווענען, א זאך וואס שטייט אין די ספרים. צווייטנ'ס, די ברכות ווערן געזאגט דורך די משתתפים ווי עס דארף צו זיין, ווארט ביי ווארט מיט כוונה און פון סידור. דריטנ'ס, די ברכות ווערן געזאגט בשלימות, אזוי ווי די פוסקים שרייבן אז א שלימות'דיגע ברכה איז נאר ווען עס ווערט געענטפערט מיט א אמן. און די פערטע, דערמיט איז מען זוכה זאמלען ניינציג אמן'ס.

און פון דא קומט דער רוף צו יעדן איינציגן איד: ענטפערן אמן איז אזא גרינגע זאך, און מיר האבן די געלעגנהייט עס אויסצופירן יעדן אינדערפרי, צו אנהויבן דעם טאג מיט אמונה, צו פארמערן אמונה אין דער וועלט און צוגעבן מער חשיבות און ווערד פאר אונזערע תפילות, ווייל אמן איז א סגולה אז די תפילות זאל אנגענומען ווערן.

מיט פיל רעספעקט און שעצונג

**שלמה צבי ווייס**

**עיה"ק ירושלים ת"ו**

---

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



א געשטאלט וואס איז מיוחס צום 'בית יוסף'

### דער 'בית יוסף'
### י"ג ניסן של"ה

רבי יוסף קארו, דער מחבר פון 'בית יוסף' און 'שלחן ערוך', איז געבוירן געווארן אין שפאניע אין יאר רמ"ח צו זיין פאטער רבי אפרים, און עס איז אנגענומען אים צו באצייכענען אלס דער ערשטער פון די תקופה פון די אחרונים. ווען ער איז געווען א קינד, האט זיין פאמיליע געמוזט אימיגרירן צוליב די גירוש שפאניע. נאך די פטירה פון זיין פאטער איז ער אריבער וואוינען אין די הויז פון זיין פעטער רבי יצחק קארו, בעל 'תולדות יצחק', אין קושטא [היינט איסטאנבול].

נאך זיין חתונה האט ער זיך אריבערגעצויגן אין די טערקישע שטאט אדריאנאפאל [היינט עדירנע], און דארט האט ער אנגעהויבן שרייבן זיין גרויסן חיבור 'בית יוסף' אויף די סדר פון די 'ארבעה טורים'. נאכדעם וואס ער איז געווארן א אלמן האט ער חתונה געהאט א צווייטע מאל, און נאכן וואוינען בערך דרייצן יאר אין שטאט ניקאפאל אין בולגאריע, איז ער ארויף קיין ארץ ישראל, און זיך באזעצט אין צפת, וואו ער איז געווארן א תלמיד פון רבי יעקב בירב. ווען די סמיכה איז באנייט געווארן דורך מהר"י בירב, איז ער געווען דער ערשטער וואס האט באקומען סמיכה.

אין לויף פון צוואנציג יאר האט ער זיך געפלאגט און געארבעט צו שרייבן זיין גרויסן חיבור 'בית יוסף'. דער ספר, וואס איז געשריבן געווארן אלס א פירוש אויף די 'ארבעה טורים' וואס רבי יעקב בן הרא"ש האט מחבר געווען, אנטהאלט אין זיך טיפע הלכה'דיגע דיסקוסיעס אין אלע הלכות וואס זענען נוהג בזמן הזה, ביז צו די הלכה למעשה. די הלכות וואס ער האט אויסגעארבעט אין בית יוסף, האט ער צונויפגענומען און מיט דעם געשאפן זיין חיבור 'שלחן ערוך', וואס איז פון דעמאלטס ביזן היינטיגן טאג דער ספר-יסוד פון הלכה אין דער אידישער וועלט. דערצו איז ער באקאנט געווארן מיט זיין חיבור 'כסף משנה' אויפן רמב"ם. נאך זיין פטירה איז ערשינען זיין ספר 'מגיד מישרים', מיט ארטיקלען און גילויים וואס ער האט געהערט פון די מויל פון דער 'מגיד' - א מלאך וואס האט זיך כסדר אנטפלעקט צו אים.

דער 'בית יוסף' איז נפטר געווארן אין צפת י"ג ניסן און איז באערדיגט געווארן אויפן אלטן בית החיים אין שטאט. ער איז אלט געווען בערך זיבן און אכציג יאר ביי זיין פטירה.

**פאלגענד זענען הוראות פונעם בית יוסף אין 'שלחן ערוך' איבער ענטפערן אמן:**

### זאגן ברכות השחר מיט א חברותא

"עס זענען דא וואס פירן זיך אז נאכדעם וואס איינער האט געזאגט די ברכת השחר און מען האט געענטפערט אמן נאך אים, קומט איינער פון די וואס האבן געענטפערט אמן און זאגט די ברכות און מען ענטפערט נאך אים אמן, און אויף דעם סדר טוהן די אלע וואס האבן פריער געענטפערט אמן. און עס איז נישט קיין שאלה אז זיי האבן שוין יוצא געווען מיט די אמן וואס זיי האט פריער געענטפערט, ווייל דער מברך האט נישט אינזין מוציא זיין אנדערע, און אפילו אויב ער האט יא אינזין מוציא זיין אנדערע, זיי האבן אבער נישט אינזין יוצא זיין מיט זיין ברכה" (או"ח ו ד).

### לויפן הערן קדיש

"מען דארף אינזין האבן ביים ענטפערן אויף קדיש, און עס ענטפערן הויך און משתדל זיין לויפן צו הערן א קדיש" (שם נו א).

### דער חיוב פון ענטפערן אמן

"דער וואס הערט איינער פון כלל ישראל זאגט איינס פון די ברכות, כאטש ער האט נישט געהערט די גאנצע ברכה פון אנפאנג ביזן סוף, און טראץ ער איז נישט מחויב צו זאגן די ברכה, דארף ער ענטפערן אמן (שם רטו ב).

### די כוונה פון ענטפערן אמן

"מען זאל ענטפערן אמן נאך יעדע ברכה [ביי די הויכע שמו"ע] סיי די וואס האבן שוין יוצא געווען און סיי די וואס האבן נישט יוצא געווען, און מיט כוונה וואס ער וועט אינזין האבן אין הארץ: עס איז אמת די ברכה וואס דער מברך האט געזאגט, און איך גלייב אין דעם" (שם קכד ו).